„RADOMER-KIELCER-LEBEN" № 44 (182) „Kależytość pocztową uiszczono ryczałtem" דריטער יאָרגאַנג פרייז 25 גראָשען

הייַנט 10 זייַטען.

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

יאַדזשא גאָלדבלום
פּיניע חארענסלופ
האָבען
ת נ א י ם
געשריבען
קעלץ, אָקטאָבער 1926.

עלטסטער פעלדשער
מ. בינענשטאַק
וועלכער איז בעקאַנט מיט זיין 30—
יעהריגער פּראַקטיק אין שפּיטאָל אויף
דער כירורגישער אָפּטיילונג, האָט
צוריקגעקעהרט און נעמט ווייטער אָן
קראַנקע אין זיין וואוינונג אויף
שענקעוויטשא גאַס № 50.

5 go listopada 1926 r. ראַדאָם פרייטאָג: כח מ״חשון תרפ״ז ♦♦ פאַר׳ן אינהאַלט אין טעקסט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטליך

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען
מיטגעפיהל דער פאַמיליע זאַלצער
צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון
זייער פאָטער און מאַן

# יוסף נ. ע.

מיטגליד פון ראַט פון דער יודישער
קהלה אין קעלץ.

המקום ינחם אתכם בתוך שאר
אבלי ציון וירושלים.

**דער ראַט און פערוואַלטונג**
**פון דער יודישער קהלה**
**אין קעלץ.**

# OGŁOSZENIE.

ELEKTROWNIA RADOMSKA zwraca uwagę p. p. Radjoamatorów, **że ich anteny są w wielu wypadkach zawieszone bez zachowania elementarnych przepisów bezpieczeństwa; skutkiem niezachowania tych przepisów są możliwe wypadki zerwania się anten i ich zetknięcia z przewodami prądu silnego Elektrowni.**

**Niniejszym Elektrownia składa z siebie wszelką odpowiedzialność za nieszczęśliwe wypadki (porażenia prądem radjoamatorów lub przechodniów na ulicy), które mogą być spowodowane zetknięciem anteny z przewodami Elektrowni.**

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דער פאַמיליע זאַלצער
ווי אויך די פערוואַלטונג פון יודישען האַנדווערקער—פעראיין
אין קעלץ, צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער פאָטער און חבר

# יוסף זאַלצער נ״ע

דער ראַט און פערוואַלטונג פון דער יודישער
פאָלקס—באַנק אין קעלץ

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דער פאַמיליע זאַלצער
צוליב׳ן פר׳ הצייטיגען טויט פון
זייער מאַן און פאָטער

# יוסף נ״ע

אונזער אונפערגעסליכער חבר און לאַנגיאָהריגער מיטאַרבייטער אַלס וויצע-
פּרעזעס פון יודישען האַנדווערקער—פעראיין אין קעלץ.

די פערוואַלטונג פון יודישען האַנדווערקער—
פעראיין אין קעלץ.


Buchalterji, korespondencji handlowej rachunkowości - handlowej i nauk o handlu *wyuczają gruntownie w kompletach* **za niską opłatą ratynowane siły.**

Dla życzących przedmioty ogólnokształcące, języki obce, stenografja i pisanie na maszynach.

**ZGŁOSZENIA: Silniczna 3 m. 14 codziennie od 5-8 w.**



## פון דעם רעטונגס—קאָמיטעט

### קאָמוניקאָט.

די עקזעקוטיווע ביים רעטונגס—קאָמיטעט אין קעלץ, מאַכט בעקאַנט, אַז פון דעם 7 אָקטאָבער ביז דעם ערשטען נאָוועמבער זענען איינגעפלאָסען 236 ביטעס אויף הלוואות און אונטערשטיצונגען. די קוואַליפיקאַציע—קאָמיסיע האָט בעטראַכט פאַר דער צייט 143 און זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַרויסגעבען 82 הלוואות אויף אַ סומע פון 14,400 זלאָטעס. די הלוואות ווערען אויסגעצאָהלט צוויי מאָל אין דער וואָך.

די עקזעקוטיווע האָט די הלוואות בעשטעטיגט און אַסיגנירט די נויטיגע סומע אויף אויסצוצאָהלען, פון וועל־כער אַ טייל אין אַ סכום פון 7,900 איז שוין אויסגעצאָהלט געוואָרען די פעטענטען.

## פון דער קהלה.

נישט קיקענדיג אויף דעם, וואָס דער קהלה—ביודזשעט פון יאָהר 1926 איז נאָך ביז היינט נישט בעשטעטיגט גע־וואָרען דורך דער מאַכט, יעדאָך טרעט שוין די פערוואַלטונג צו אויסצואַרביי־טען דעם ביודזשעט פראָיעקט אויפן יאָהר 1927.

* * *

אַלס פערוואַלטונגס־מיטגליד אויס'ן אָרט פון ה' אינז. זעלינסקי איז אַריין לויט דער רייהע דער ה' אליעזר ראָזענבלום (מזרחיסט).

## פונ'ם פראָפ. פעראיין פון די אָנגעשטעלטע בעשעפטיגט אין האנדעל און ביורא.

א דאַנק די איניציאַטיוו פון דער פערוואַלטונג, האָט זי אויסגע'פועל'ט ביי עטליכע יודישע פריזירער אייגענ־טי'מער אַ בעדייטענדע הנחה פאַר איה־רע מיטגלידער פאַר שערען און ראָזי־רען אָזוי, אַז אנשטאָט 4 זל. וועט אַ חודש'ליכער אַבאָנאָמענט (צעהן נומע־רען) נישט מעהר קאָסטען ווי 2 זל.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, ווערען אַלע מיטגלידער אויפגעפאָדערט אַרויס־צונעמען זייערע מיטגלידס – לעגיטי־מאַציעס, בכדי צו קאָנען געניסען פון דער אויבענדערמאָנטער הנחה, וועלכע וועט אָהן פעראיינס — לעגיטימאַציעס נישט קאָנען בעקומען.

## פון יודישען טעאַטער.

די וואָך האָט געווײַלט אין אונזער שטאָדט די בעוואוסטע יודישע טרופע מי'טן ה' יוליוס אַדלער בראָש. געשפּילט איז געוואָרען פון די שענסטע איירָאָפּעאישע פיעסען, וועל־כע האָבען זעהר שטאַרק אײַנגענומען ביים פובליקום.

פון קעלץ פאָרט די טרופע אָב קיין ביאַליסטאָק און פון דאָרט קיין לאָדז, וואו זיי וועלען שפּילען דעם גאַנצען ווינטער־סעזאָהן אין לאָדזער פילהאַרמאָניע.

## פון דער געזעלשאַפט „הזמיר“

ווי מיר ווערען געוואויר איז דער סטאַטוט פון דער געזעלשאַפט „הזמיר“ שוין בעשטעטיגט געוואָרען דורך דער מאַכט.

א ן צוזאַמענהאַנג דערמי'ט ווערען שוין געמאַכט אַלע געהעריגע פאַרברייטונגען צו דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, וועלכע דאַרפט די טעג פאָר־קומען.

## דאַנקזאַגונג

די פערוואַלטונג פון „בית־יתומים“ דריקט אויס אַ האַרציגען דאַנק דעם ה' לעאָן רייזמאַן פון ספּולנע גאַס פאַר די געשענקטע 15 קערץ קוילען און האָלץ וואָס ער האָט געשאָנקען פאַר'ן „בית יתומים“. ס'וואָלט זעהר כדאי געווען, אַז אויך די רעשט נגידים אין קעלץ זאָלען זיך אַרויסגעמען אַ ביישפּיל פון ה' רייזמאַן און אויך געדענקען אין די עלענדע יתומים.

## בערעכטיגונג

אין דעם דאַנק פון „תלמוד־תורה“ דעם ה' גבריאל עלענצווייג צוליב זיין גאָלדענע חתונה איז אַריינגעפאַלען אַ טעות, אַנשטאָט „די געשאָנקענע 25 קערץ קוילען“ האָט געדאַרפט זיין פאַר „די געשאָנקענע 50 זלאָטעס“ לטובת דער „תלמוד תורה“

## בעקאַנטמאַכונג.

דער בעקאַנטער מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק פעלדשער מ. בינענשטאָק האָט זיך צוריק בעזעצט אין קעלץ און נעמט אָן פּאַציענטען ביי זיך אין וואָהנונג סענקעוויטשאַ גאַס № 50 אין אייגענעם הויז. 03—1.

# די שעהנע שרה'לע

## ערנסט־קאָמישע געשיכטע מיט אַ קעלצער מיידעל און איהרע 3 געליבטע.

### אָנגעהויבען האָט זיך די געשיכטע אין פּוילען, זיך פערשלעפּט אין אַמעריקאַ און זיך טרויעריג פערענדיגט אין פּאַריז.

י. א. בערלאָוויטש, דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס“ גיט איבער די פאָלגענדע אינטערעסאַנטע געשיכטע:

די גרויסע פּאַריזער גאַסען, וואָס ציהען זיך פון דער לאַנגער און קאָ־ביגער „די דע ריוואָלי“ ביז דעם „פּלאַס דע לאַ קאַסטיל“ און וואָס זענען גע־דיכט בעזעצט פון איינגעוואַנדערטע פּוילישע, ליטווישע און רומענישע יו־דען, האָבען איצט זייער אייגענע סענ־סאַציע. דאָס איז אַ יודישע טראַגי־קאָמישע געשיכטע, וועגען וועלכער עס ווערט גערעדט אין אַלע דאָרטיגע יודישע קראָמען קאַפעס און כשר'ע רעסטאָראַנען. די הויפּטהעלדין פון דער געשיכטע איז אַ געוויסע יודישע פריי־לין שרה ווילקאָוויטש. זי האָט עטליכע יאָהר געלעבט אין אַמעריקאַ און איז דאָ נישט לאַנג צוריקגעקומען קיין פּאַריז התונה האָבען מיט איהרען אַ געליבטען נאָך פון די קינדערשע יאָה־רען פון דער היים, נאָר שוין אין די ערשטע וואָכען פון דעם חאָניג מאָנאַט האָט זיך פערפלאָנטערט אַ נעץ, וואָס האָט די יונגע פאָר דערפיהרט צו אַ בלוטיגען, אָבער דאָך קאָמישען סקאַנדאַל, מיט וועלכען עס האָט זיך שטאַרק טעראַינטערעסירט די גאַנצע פראַנצויזישע פּ־עסע.

## „די שעהנע שרה'לע“, אָדער די אַמעריקאַנערין.

שרה ווילקאָוויץ, אָדער ווי מען רופט איהר איצט אין דעם פּאַריזער יודישען קוואַרטאַל – „די אַמעריקאַנערין“ – איז אונגעפעהר אַ יאָהר פיער און צוואַנציג. געבוירען געוואָרען איז זי אין קעלץ. איהרע עלטערן זענען אַנשטענדיגע, אָבער אָרימע מענשען, האָבען זיי זייער טאָכטער געקענט פערזאָרגען אויף דעם לאַנגען און שווערען לעבענס־וועג בלויז מיט אַ פּאָר שעהנע, שוואַרצע אויגען, פלאַמי־גע און זאַפטיגע ליפּען און אַ הנ'עוו־דיגע פיגור. שוין ביי טאַטע־מאַמען אין הויז האָט זי פון קליינערהייט אָן גע־ליטען הונגער און נויט. זי האָט דע־ריבער גאָר גיך זיך גענומען אויפלער־נען אַ מלאכה און אָנהויבען צו פער־דינען געלד. איז זי, די קליינע שרה'לע ווילקאָוויטש, אָנגעקומען צו אַ שניידערקע אין די יאָהרען, וואָס אַנ־דערע מיידלעך אין איהר עלטער שפּילען נאָך אין צייכענס...

דערפאַר איז זי אָבער גאַנץ פריה געוואָרען פולשטענדיג ענטוויקעלט, סיי קערפּערליך און סיי גייסטיג. דאָס מאָ־כן שוין אַזוי די נויט און די אַרבייט!.. באַלד האָט מען בעמערקט, ווי שעהן און רייצענד זי איז אויסגעוואַקסען און מען פלעגט איהר אַנדערש נישט רופען, ווי די שעהנע שרה'לע. איהרע חבר'טעס ביים אַרבייטס טיש פלעגען איהר מקנא זיין. און נישט קוקענדיג אויף דעם דלות איהרען איז זי געווען אַ פרעהליכע און אַ לוסטיגע. איין זינגערקע און איין טענצערקע אין דער וועלט!.. און העגד האָט זי אויך גע־האָט געבענשטע. פון שטאַטעס פון אָבסאָל פון דעם שניידערישען טיש פלעגט זי פאַר זיך נעהען די שענסטע קליידלעך און זי פלעגט נאָך בעקליי־דען איהר מאַמען און איהרע יונגערע שוועסטערליך... און אַז זי אַליין פלעגט אין אַ שבת, אָדער אין אַ יום טוב אַרויסגעהן אין גאַס שפּאַצירען, האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָ געהט אַ באַנקיר'ס אַ טאָכטער.

(פאָרטזעצונג קומט)

